# ספר
# צדקת יצחק

## הלכות צדקה

### פרק א

א) מען טאר נישט געבן דאס גאנצע צדקה בלויז פאר איין ארימאן (עירובין סג. יור"ד רנ"ז ס"ט.) און דאס זעלבע אויב מען געט שטענדיג נאר פאר צוויי דריי ארימעלייט. (ראשון לציון שם, ועי' לקמן פ"ה אר' ט,).

ב) אויב איינער האט זיך מתחייב געווען געלט פאר צדקה, און ער געדענקט נישט וויפיל, דארף ער געבן אזוי פיל ווילאנג ער איז זיכער אז מער האט ער נישט ציגעזאגט (מנחות קו: רמב"ם ה' מת"ע, טוש"ע רנ"ח ס"ג).

ב ב) בקבלה פון בעש"ט הק' אז פניות שאדט נישט ביי די מצוה פון צדקה, (פרי קודש הילולים לבעל עט"צ, תורי זהב פ' ראה, דברי יחזקאל פ' וירא).

ג) מען דארף געווארנט זיין ווען מען זאגט ארויס אז מען געט צדקה זאל מען זאגן "בלי נדר" אויב נישט איז דאס א נדר, און מען טאר נישט מאכן א נדר, (נדרים ט. טוש"ע יור"ד סי' ר"ג ס"ד, וסי' רנ"ז ס"ד, ופרישה וש"ך שם).

ד) דער וואס איז שולדיג געלט פאר מענטשען (בלשוננו א בעל חוב) טאר נישט געבן צופיל צדקה (ספר חסידים תנ"ד, ברכ"י רנ"א ס"ג).

ה) אויב זיינע קרובים (נאנטע) זענען נישט קיין ארימע לייט, און מען צוטיילט די צדקה פאר פרעמדע דארף מען געבן לכתחילה פאר ת"ח וואס זיצן און לערנען, (מדרש תנחומא פ' ראה, פלא יועץ אר' צדקה, חפץ חיים בס' אהבת חסד פי"ט, א.), אויב מען קען נישט געבען דאס גאנצע פאר בעלי תורה דאמאלטס כאטש רוב אדער האלב, (שיטה מקובצת כתובותדף נ' בשם הרב המעילי, כנה"ג יור"ד רמ"ט ס"א, אהב"ח שם).

און דאס ברענגט אריין געוואלדיגע ברכה און הצלחה אין שטיב, (מלאכי ג, ברכות מב, אהב"ח שם).

ו) גמילות חסד איז אזא געוואלדיגע מצוה וואס עס איז נישט דא גרעסער פון איר, (עיר מקלט ממרן ר' דוד לידא זצ"ל).

## פרק ב

## דינים פון מעשר — חומש

א) מען טאר נישט צאלען שכר לימוד פון מעשר געלט, אבער פאר אנדערע ארימע קינדער מעג מען, און עס איז א געוואלטדיגע מצוה, (אהב"ח שם ב, שו"ת באר שבע מא, טוטר"ד).

ב) דער שיעור "מעשר" איז פאר אלגעמיין, אבער א מילדער, געט א חומש (1/5) דאס איז מצוה מן המובחר, (ירושלמי ריש פאה, רמב"ם פ"ז מהמ"ע, וחילי' מכתובות נ., ברטנורה ריש פאה, טוש"ע רמ"ט ס"א, ברכ"י שם, אהב"ח פי"ט).

ג) סיי מעשר, סיי חומש דארף מען געבען פונעם קרן (געלט וואס מען האט באקומען ארער געירש'ט א.ד.ג.) תיכף, נאכדעם געט מען פונעם ריוח בלויז, (שם).

ד) געוויסע פוסקים האלטן אז דאס וואס עס שטייט אז "חומש" איז נאר מצוה מן המוחבר איז נאר ווען ער ווייסט נישט פון ארימע לייט וואס דארפן מאמענטאל דאס געלט, אויב ער ווייסט אז עס איז דא ארימע לייט וואס האבן נישט צו עסן ארער קליידונג, ווי אויך הכנסת כלה, מיט אנדערע צדקה צוועקן דארף מען עפ"י דין אפשידן א פיפטעל (1/5) אויב מען קען זיך ערלויבן, (פיה"מ להרמב"ם פ"א רפאה, הגר"א באגה"ק עלים לתרופה, ברכ"י רמ"ט, אהב"ח לח"ח פי"ט ד, ע"ש).

ה) מעשר און צדקה זענען צוויי באזונדערע זאכן דערפאר זאל מען געבן א אכטעל אדער ניינטעל פון פארמעגן כדי מען זאל יוצא זיין דעם חיוב פון "מעשר" און "צדקה" (יוסף אומץ פ' צדקה) נאך א ריוח אויב ער האט געגעבן פונעם געלט פאר איינעם וואס איז נישט ראוי געווען צו נעמען, זאל מען האבן כאטשיג מעשר געגעבן פאר ווער עס איז ראוי.

ו) אין זכות פון מעשר ווערט די תפלה פון מענטש געהערט אין הימעל, (מט"מ ה' צדקה).

ז) אויב איינער געט מעשר און ער ווערט נישט קיין עושר זאל ער וויסן אז דער שכר איז אוועקגעלייגט, און דער באשעפער וויל געבן שטאץ עשירות אויף די וועלט, שכר אויף יענע וועלט (מט"מ שם).

ח) נאך א סיבה פארוואס מען ווערט נישט רייך, ווייל עס איז דא אין די רייד פון די חז"ל אויסגערעכנט אסאך זאכן וואס זייער שטראף איז צו פארלירן דאס פארמעגן.

(עי' סוכה כט:, ערכין ל:, ב"מ עא., כתובות יט:, קידושין מ:, ועוד) דעריבער דינט דער זכות און כח פון מעשר דעם צוועק פון אפהאלטן דאס ראינירען פון פארמעגן, אבער עס האט נישט דעם כח נאך רייך צו מאכן אויך (עי' היטב מ"ש הגה"צ בע' חפץ חיים בס' אהבת חסד פי"ט או' א, בהג"ה למטה, שביאר כן כוונת המדרש תנחומא פ' ראה).

## פרק ג

## פון וואס אלס דארף מען געבן מעשר

א) מען דארף געבן מעשר פון יעדע זאך וואס מען פארדינט נישט קיין חילוק וואס פאר א וועג מען האט עס פארדינט, א מתנה, אדער א מציאה, אפילו דאס איז נישט געווען געלט אליינס, נאר געלט ווערט ווי מעבל, טיש, בענקלעך, א.ד.ג. (ס"ת קמ"ד, מט"מ ה' צדקה תיי עולם, יוסף אומץ פרק צדקה ומעשר. הנהגות הגה"ג בעל יש"מ או' נ', פלא יועץ, מעשר, הנהגות הגה"ק מהרצ"א מדינוב, כה"ח סי' א"ך.)

דורך דעם קומט אויס אז יעדע זאך וואס עקזיסטירט דארף מען אראפגעבן מעשר, צ.ב.ש. איינער האט באקומען א סוט, א הויז, און דאס זעלבע לכאורה ביי פ. ס. (בול האוכלין) ווייל דאס איז אויך א ריוח.

ב) טייל זאגן נאך מער אז דער וואס וואוינט אין א אייגען הויז, אפילו ברחבה, זאל ער שאצן טאמער ער וואלט נישט געהאט דאס הויז, און געמוזט דינגען א דירה פאר וויפיל געלט וואלט ער געדינגען, דאס מעשר פון דעם דארף מען געבן פאר צדקה, (יוסף אומץ שם)

דאס מיינט ווער עס וואלט געדינגען א דירה פאר 200 א חודש, דארף געבן 20 דאלאר פער חודש פאר צדקה.

ג) מען דארף מאכן א חשבון איינמאל א האלב יאר, אדער עכ"פ יעדעס יאר און וואס פאר א שאדענס עס האט פאסירט דורך די צייט פון אלע געשעפטן צוזאם זאל מען אראפרעכענען פון גאנצן פארדינטן ריוח, און די ריוח וואס בלייבט זאל מען אפשיידן דערפון דאס מעשר, (א"ר או"ח קנ"ו, חכ"א, ערוה"ש, שו"ת חו"י רכ"ד, שער אפרים סי' פ"ד,).

טייל הייסן מאכן א חשבון יעדע דריי חדשים, (חו"י סי' רכ"ד, עי' פת"ש).

## פרק ד

## עצות און הדרכות וועגן מעשר געבן

א) עס איז וויכטיג און גוט מען זאל זיך אויסנעמען ווען מען הייבט אן געבן מעשר אז עס איז בלי נדר כדי מען זאל ח״ו נישט געשטרויכלט ווערן אין די עבירה פון נדרים עפ״י סיבה, (אהב״ח פח״י ב, ועי׳ שו״ת חת״ס יור״ד סי׳ רל״א).

ב) עס איז דא א פלוגתא אויב מען געט צדקה אויף דעם סמך אז שפעטער ווען מען וועט פארדינען וועט מען עס אראפנעמען פון מעשר, אויב מען מעג דאס טוהן (עי׳ שו״ת נו״ב מהד״ק יור״ד סי׳ ע״ג, משנת חכמים סוף ה׳ יסוה״ת, שו״ת מהרי״ל סי׳ נ״ד, ערוה״ש סעי׳ ז, עיקרי הד״ט סי׳ כ״ז סעי׳ ד.) דעריבער זאל מען זיך אויסנעמען איידער מען הייבט אן צו געבן מעשר, אז מען זאל קענען געבן צדקה אויף דעם סמך אז מען זאל קענען איינקאסירן נאכדעם פון מעשר, ווען עס וועט אויסקומען (אהב״ח פח״י ב,).

ג) יונגעלייט וואס האבן חתונה דארפן געבן מעשר פון נדן אדער קאסט געלט וואס זיי באקומען פון די עלטערן, של״ה דף רס״ב, (שו״ת שאילת יעב״ץ סי׳ ו, א״ר או״ח קנ״ו, ערוה״ש ו.) און אוודאי פון די דרשה געשאנק מיט אנדערע סארט מתנות, (כמבואר לעיל אות ט׳).

ד) דער בעל הבית אויפן אויסטיילן די מעשר געוועגט זיך אויב די עלטערן האבן אראפגענומען פריש מעשר איידער זיי האבן געשענקט פאר די קינדער, טיילן זיי אויס דאס געלט, אויב נישט דארפן די קינדער (פאר פאלק) אויסטיילן, אויב די עלטערן טענה׳ן עס געהערט פאר זיי דארף מען פרעגן א שאלה (עי׳ שו״ת יעב״ץ סי׳ ו, ובנחלת שבעה סי׳ ח׳ ז׳ ובפ״ת יור״ד של״א ס״ק י״ב).

ה) אפילו דער פאטער פלעגט נזהר זיין אין מעשר אויב מען ירש׳ט געלט פון אים דארף מען נאכאמאל געבן, (של״ה רס״ב, וכ״נ בשו״ת יעב״ץ הנ״ל, א״ר או״ח קנ״ז. ע״ש

ו) מיר האבן אויבן דערמאנט (פ״ד אות א, ב.) די געוואלדיגע טובה אז דער חיוב פון מעשר זאל נישט זיין בתורת נדר, ווען הייסט דאס א נדר? טייל זאגן אפילו ביי איין מאל (שו״ת יעב״ץ סי׳ ו,), אבער להלכה נעמען מיר אן אז אויב מען האט אינזינען געהאט ביי ערשטן מאל זיך צו פירען אייביג, דאמאלטס איז נאך איינמאל שוין א נדר, אויב מען האט גארנישט אינזינען געהאט הייסט עס א נדר אויב מען האט זיך געפירט אזוי דריי מאל. (של״ה ריש מסכת יומא בנוסח התרת נדרים, שו״ת חת״ס סי׳ רל״א, שו״ת בית שלמה יור״ד ח״א סי׳ ר׳ ובהג״ה

מבן המחבר שם, שו״ת אמרי יושר ח״ב קל״ו, שו״ת מנחת יצחק ח״ה סי׳ לד.).

ז) איידער מען הייבט אהן זיך צו פירן דעם מנהג פון מעשר זאל מען זאגן אז מען וויל דאס נישט מקבל זיין בתורת נדר, און מען וויל זיך נישט אזוי פירן אייביג, נאר ווען מען וועט וועלן, (יור״ד סי׳ רי״ד ס״א).

ח) אויב עס איז שוין יא געווען א נדר, קען מען עס מתיר זיין, (עי׳ ש״ך רנ״ח, י״ח. שו״ת תשב״ץ (ח״ב קל״א). שו״ת רב פעלים (ח״א מה,) שו״ת מנחת יצחק ח״ה סי׳ ל״ד).

ט) טייל פוסקים זענען מפקפק אינעם היתר פון קויפן ספרים פון מעשר געלט (עיקרי הד״ט סי׳ ד׳, ערוה״ש רמ״ט סעי׳ י׳).

## פרק ה

### דעם אופן פון אפשיידען מעשר

א) עס איז וויכטיג אז מען זאל תיכף ווען מען פארדינט, אפשיידען די מעשר אויף א זייט, און מען זאל האבן א עקסטער קאסע פאר די מעשר געלט, און פון דעם זאל מען טיילען פאר ארעמע לייט, (א״ר קנ״ו, יוסף אומץ פרק הצדקה, אלשיך הק׳ ריש פ׳ תרומה, ברכ״י רמ״ט או׳ ח׳, אהב״ח פי״ט או׳ ג׳, בהערה, שו״ת אב״צ יור״ד, פלא יועץ או׳ מעשר, פני דוד להחיד״א).

ב) סאך פירען זיך טאקע וועגן דעם צי האבן א באזינדער טשעקינג עקאוינט (checking accounT) בלויז פאר מעשר און צדקה געלט. (עי׳ קו׳ דבר משה).

ג) די מעלות זענען פאלגענד: ערשטענס; ווערטמען נישט זיין קארג צו געבן פאר׳ן ארימאן ווייל עס ווערט ביי אים באטראכט אזוי ווי עס איז נישט זיינס נאר ער האלט בלויז די קאסע פון ארימע לייט ביי זיך, אזוי ווי א גבאי צדקה, (יוסף אומץ).

צווייטענס; אויב ח״ו מען געזעגענט זיך פון דעם עולם, וועט נישט ארויסקומען קיין מכשול ווייל די יורשים וועלען וויסן אז דאס איז נישט אייגען געלט נאר מעשר געלט, וועלען זיי דאס זעלבסט פארשטענדליך געבן פאר צדקה, (יוסף אומץ).

דריטענס; אויף דעם אופן ווערט באטראכט דער מעשר וואס ער האט איבערגעלאזט און די קינדער ציטיילען פינקט ווי ער וואלט דאס געטוהן ביי זיין לעבן, אבער אויב נישט, נישט. (יוסף אומץ ה׳ צדקה).

פערטענס; איז דער אופן דאס מערסטע קאמפאטענט צו וויסען אז מען פירט א פינקטליכען חשבון פון די מעשרות וואס מען דארף צו געבן, ווייל מען שיידט דאס אפ רעגעלמעסיג, (פלא יועץ מעשר).

פיפטענס; איז מען יוצא דעם ענין פון אפשיידען דעם מעשר פון די איבריגע וואס איז א געוואלדיגע ענין עפ״י סוד, (שיטה מקובצת כתובות מט. בשם הרב המעילי, ברכ״י או׳ ח, אהב״ח שם בשם הספרים).

זעקסטענס: שרייבט דער חפץ חיים (אהב״ח פ״כ או׳ ו׳) אז די וואס געבן צדקה זענען נאר מקיים מצות צדקה, אבער די וואס געבן מעשר אדער חומש, איז טייטש אז כביכול דעם רבש״ע האבן זיי אלס שותף אין זייער געשעפט אויף 10 פערצענט אדער 20. בפרט איז א גרויס ענין אויב מען האט דאס אינזינען געהאט בפירוש, אז אלע זיינע ווערק זאל זיין דערין א חלק פאר׳ן רבש״ע, וואויל איז זיין חלק, (ע״כ).

ד) דאס זעלבע די וואס געבען "חומש" זאלן אפשיידען איין צענטל אויף איינמאל, און נאכדעם נאך א צענטל, (שם).

ה) אויב מען וויל פון דעם געלט בארגען פאר ווען עס דארף אפילו א עושר, אויב ער איז יעצט געדריקט, זענען טייל פוסקים מסופק, (אהב״ח פח״י ובהערה.).

אויב מען האט זיך אויסגענומען דערויף ביים אנהייב געבן מעשר, מעג מען זיכער, (שו״ת חת״ס רל״א, אהב״ח שם ועי״ש ריש או׳ א׳).

ו) דאס איז אלס אויב מען וויל דאס טוהן בקביעות, אבער אוועק בארגען ווילאנג דער ארימאן וואס מען וויל געבן איז נישטא, און ווען דער ארימאן קומט געט מען אים תיכף דאס געלט, מעג מען זיכער פארבארגען אפילו פאר א עושר וואס דארף נויטיג געלט, כ״ש פאר ארימעלייט (א״ר או״ח קנ״ו, ושם).

ז) די וואס געבן חומש איז די בעסטע איינצייטיילען איין צענטל פאר די וואס זיצן און לערנען און איין צענטל פאר אנדערע צוועקען, (אהב״ח פי״ט ג, וכעי״ז בש״מ כתובות מ״ט בשם הרב המעילי ז״ל, ברכ״י שם).

ח) דאס זעלבע אויב מען געט איבער מעשר ווייניגער פון חומש זאל מען אפשיידען עקסטער די מעשר, נאכדעם די איבריגע (שם).

ט) אויב איינער וויל אויסהאלטן איין יונגערמאן ביים לערנען פון מעשר געלט, אפילו זיין ברידער אדער אנדער קרוב, זאל ער דאס נישט טוהן מיט די גאנצע מעשר געלט נאר מיט א טייל, און לכה״פ האלב זאל ער ציטיילען פאר אנדערע, (כנ״ל ללמוד משו״ת חת״ס יור״ד רל״א, ומדברי הש״ע סי׳ רנ״ז ס״ט, ע״ש).

י) שדכנות געלט טאר מען נישט באצאלן פון מעשר געלט. (שו"ת זכרון יהודה סי' קצ"ב).

יא) מתנות לאביונים פון פורים קען מען נישט יוצא זיין פון מעשר געלט, אבער וויפיל מען געט מער ווי דער עיקר החיוב (פון צוויי מתנות) מעג מען געבן פון מעשר (מ"א בשם של"ה סי' תרצ"ד, וש"א).

## פרק ו

## הלכות פון געבן מער ווי א חומש

א) מען טאר נישט געבן מער ווי א חומש כדי מען זאל נישט דארפן נאכדעם אנקומען צו מענטשען, (כתובות נ. יור"ד רמ"ט ס"א בהג"ה).

ב) פאר'ן שטארבן מעג מען געבן וויפיל מען וויל, (כתובות סז: רי"ף, רא"ש, ר"ן, מרדכי). אין דעם איז דא מערערע שיטות:

1) נאר ביז א דריטעל פארמעגן, נישט מער, (שאלתות פ' תרומה, פמ"ג או"ח סוס"י תרנ"ו, חי' רעק"א סי' רמ"ט).

2) טייל זאגן ביז האלב נישט מער, (עי' חכמ"א כלל קמ"ד י"ב, וסדר הדורות דף קל"ח, דכ"ה חד גירסא במר עוקבא, ערוה"ש, שארית יהודה עז:, וכן משמע קצת בירושלמי פ' יש נוחלין כמ"ש בברכ"י או' ט"ו).

3) טייל זאגן אדער א דריטעל אדער א האלב, (חכמ"א כלל קמ"ד סי' י"ב, אהב"ח פ"כ, מנחת פתים רמ"ט, וקצת נ' כן בברכ"י ט"ו, ואינו מוכרח).

4) טייל האלטען אז עס איז גענוג עפעס איבערצולאזען, (שיטה מקובצת כתובות סז: בשם תר"י, שו"ת הריב"ש סי' קס"ח בראשו, וע"ע כנה"ג ח"מ רפ"ב,).

5) איינער האלט אז מען דארף גארנישט איבערלאזען, (מהר"ש יפה, בס' יפה מראה מובא בברכ"י שם).

6) טייל זאגן אז נאר א גרויסער עושר, און נאר ביז האלב, אבער א עושר מער ווי האלב, אדער א סתם מענטש אפילו ווייניגער טארען נישט, (ב"ח רמ"ט לחי' שני, שו"ת זרע אמת ח"ב סי' קי"ח, מובא בשד"ח ח"ג עמוד 260, וע"ע בשו"ת חת"ס חו"מ קנ"א, ומ"ש עליו בפ"ת חו"מ רפ"ב).

ג) דער וואס איז א עושר מעג געבן מער ווי א חומש, (ב"ק ט: תוד"ה אילימא, ופשטות כוונת הש"ע בסעי' א', חכ"א כלל קמד, אהב"ח פ"כ ס"א, שו"ת יעב"ץ סי' ג'. שבילי דוד רמ"ט, שו"ת מנחת יצחק ח"ה סי' ל"ד, שו"ת שבט הלוי קכ"א, ולא כמנחת פתים שדעתו דאסור אף לעשירים, בפרט בזה"ז שיש צורך לעניים,

ולדעת הרמב"ם מדת חסידות ליתן, וכן יש לצרף דברי התניא ואגד"כ דבזה"ז בכ"ע שרי, עי' בסמוך.

ד) דוקא ווען עס האנדעלט זיך נישט פון פקוח נפש, אבער אויב יא, צ.ב.ש. דער ארימאן קען ח"ו אויסגיין פון הונגער, אדער דעם געפאנגענעם וויל מען הרגענען דאמאלטס איז נישטא קיין שיעור, (שאילת יעב"ץ סוס"י ג', אהב"ח פ"כ או' ב, ע"ש מילתא בטעמא בהערה), אפילו ער האט נישט פרנסה דארף ער זיך אויך טיילען מיט'ן ארימאן, (יעב"ץ שם).

ה) טייל פוסקים האלטען אז דער גאנצער איסור פון מער ווי א חומש איז דוקא ווען מען שיידט אפ דאס געלט סתם פאר ארימעלייט, ווען עס ווענט זיך מאכען, אבער טאמער קומען ארימעלייט וואס האבן נישט צו עסען, אדער קליידונג, אדער עס איז דא געפאנגענע וואס מען דארף זיי אויסלייזן און ער וויל געבן מער ווי א חומש מעג ער און עס איז א מדת חסידות, (רמב"ם בפיה"מ פ"א דפאה, ברכ"י או' א, אהב"ח פ"כ, ב').

*ה) דער בעש"ט הק' האט געזאגט אז דער איסור פון איבער א חומש איז נאר פאר דעם וואס טוט דאס בלויז ווייל די תורה אט אזוי געהייסען דער וואס פרייט זיך דערמיט און האט א תענוג דערפון מעג מער אויך (אורח לחיים תרומה).

ו) ביי מצות תלמוד תורה, אויפצוהאלטן תורה, מעג מען געבן מער וו א חומש, (שיטה מקובצת כתובות דף נ. ברכ"י או' י"ג, מד"ר פ' בהר, אהב"ח פ"כ ד', מנח"פ שם) ווייל דורכדעם האט מען א חלק אין די תורה וואס די ת"ח לערנען, (אהב"ח שם) און לויט וויפיל מער מען געט פאר תורה מער חלק נעמט מען אינעם שכר פון לערנען תורה.

ז) דער בעל התניא שרייבט (אגרת התשובה פ"ו) אז דאס איז נאר געזאגט פאר דעם וואס האט קיינמאל נישט געטוהן קיין זינד, אבער אויב יא דארף ער געבן אהנע שיעור, ווייל אלעס וואס מען פארמאגט דארף מען אוועק צוגעבן זיך צו ראטעווען אפילו דעם גוף, כ"ש די נשמה זאל נישט פארפאלן ווערן, (וכ"כ בסה"ק אגד"פ או' קפ"ז, משנה ראשונה בשמו, שו"ת מנחת אלעזר ח"ד סי' מ"ו, ערך ש"י רמ"ט).

ח) און אזוי ווי היינט קען קיינער נישט די גאנצע תורה (כמבואר במהרי"ק שורש קס"ג) קען קיינער נישט זאגן אויף זיך אז ער האט קיינמאל נישט געזינדיקט, דעריבער איז יעדער צו דעם בארעכטיגט (ערך ש"י שם, וסיים דע"כ השמיטוהו הטוש"ע, ונ"ל להביא ג"כ משל"ה ה' תשובה דאין צדיק שלא יצטרך לשוב לכה"פ ממדות מגונות, וכולנו בחזקת בעלי תשובה, ע"ש).

ט) נאך גרעסער איז דער שכר פון דעם וואס טוט אפשיידן מעשר פון זיינע יארען, דאס מיינט פון אנהייב יאר זאל מען יעדע צענטע טאג אויסניצען צו תשובה, תורה, צדקה, פאסטען (אויסער שבוי"ט), און פינקט ווי מעשר פון פארמעגן ברענגט עשירות, מעשר פון לעבן ברענגט לאנגע יארען, (כה"ח למהרח"פ סי' כא, יב).

י) נאך א היתר צו געבן מער ווי א חומש, צ.ב.ש. איינער האט א שטאבילע פרנסה ווי ער פארדינט איבער פרנסה שטענדיג מעג ער אראפנעמען פאר צדקה, דאס וואס איז איבריג אפילו עס קומט אויס איבער א חומש, (אהב"ח פ"כ, ג).

## פרק ז

## געלט פאר א מצוה — צדקה

א) דער וואס האט נישט קיינע תפלין און האט נישט די פינאציעלע מעגליכקייט צו האבן תפלין איז נישט מחויב ארומצוגיין איבער די הייזער נאך געלט כדי צו קויפען (ירושלמי פאה), דאס זעלבע איז ביי אלע מצות סיי מה"ת, סיי מדרבנן, אויסער נר שבת, נר חנוכה, מחצית השקל ארבע כוסות (ברכ"מ כ"ה סק"י).

פינדעסטוועגן דאך מעג מען גיין צוזאמנעמען געלט אויף דעם צוועק. (א"א בטשאטש, ברכ"מ יב, דלא כהחבי"ף בשד"ח מע' מ' כלל קצ"ח שנסתפק בזה) און דער וואס געט אויף דעם צוועק איז מקיים די מצות עשה פון צדקה, (שו"ת מהר"ם שי"ק או"ח שכ"ב).

און דער וואס גייט סייווי קלאפן ביי די טירען נאך געלט פאר פרנסה, איז מחויב ארומצוגיין אויך צו קענען קויפען א מצוה זאך. (א"א בטשאטש, יהודה יעלה שכ"ב הלל"מ י' א).

## פרק ח

## דער אופן פון געבן צדקה

א) מען דארף געבן צדקה פאר'ן ארימאן מיט א ליסטיג פנים, און א פרייליך גוט הארץ, (רמב"ם ה' מת"ע פ"י, יור"ד רמ"ט ג, וש"א), און בארוהיגען אים און טרייסטען (שם).

ב) דער שכר וואס מען נעמט אויף די פרייד וואס מען האט בשעת'ן טוהן די מצוה איז מער ווי די שכר אויף די מצוה אליינס (אור צדיקים ה' ד"א, וה' צדקה).

ג) דער אריז"ל האט עדות געזאגט אויף זיך אז דער מדריגה צו וואס ער איז צוגעקומען האט ער זוכה געווען דורכדעם וואס ער האט מקיים געווען אלע מצות

מיט אויסערגעוועגלעכע פרייד, דאס העכסטע וואס קען נאר זיין, (עי' ליקו"ת להאריז"ל עה"כ תחת אשר לא עבדת).

*ג) די אלע הלכות פון אויפנעמען פריינטליך איז געזאגט געווארן אויך ביים בארגען פאר יענעם געלט, (אהב"ח פכ"ג).

ד) מען דארף נזהר זיין אין מצות צדקה מיטען גאנצען כח, און זיך חבר'ן מיט די ארימעלייט און זיי ארויסהעלפען סיי מיט'ן גוף, סיי מיט געלט, וויפיל מען קען נאר, און רעדן ווייכע רייד מיט זיי און זיי טרייסטען (הנהגות הגה"ק בעל יש"מ.

ה) מען דארף געבן די צדקה שטיל נישט אפען כדי מען זאל אים נישט פארשעמען, אויסער אויב ער שעמט זיך נישט דערמיט (אור צדיקים סי' מ"ה, ז').

ו) דער וואס געט צדקה לשם שמים, נעמט השי"ת וויפיל תבואה מען קען קויפען פאר דעם געלט און זייעט דאס אהן אין גן עדן, און דאס שפראצט יעדעס יאר, דאס לייגט דער רבש"ע אוועק אין א מאגאזין, און פון דעם געניסט מען נאכדעם אין עוה"ב (ס"ח שכ"א, ילקוט ראובני ראה).

ז) דער וואס שטיצט תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנען, כאטש ער איז אן עם הארץ ווען ער קומט ארויף אויף יענעם עולם לערנט מען אים אויס די תורה (ילקוט ראובני בשם סודי רזא).

ח) דורך געבן צדקה פאר'ן דאווענען, לייזט מען זיך אויס פון יעדן מקטרג, (ס' זכירה).

ט) אויב מען געט צדקה פאר אן ארימאן, אפילו א גרויסע סומע מיט א בייזע פנים פארלירט ער דעם גאנצן שכר פון די מצוה (אבדר"נ סופי"ז, סמ"ג, טוש"ע שם) און מען איז נאך עובר אן עבירה (סמ"ג וש"ך סק"ה).

י) דעריבער זאל מען געדענקען דעם כלל, אז דאס באלוינונג איז פולשטענדיג אפהענגיק אינעם פרייד וואס מען באזיצט בשעת'ן געבן, יעדע פערצענט פרייד פארגרעסערט דעם פערצענט שכר אין הימעל, עס שטייט אין אדר"נ (פי"ג) אויב מען נעמט יענעם אויף פריינטליך אפילו ער האט אים גארנישט געגעבן טוט אים דער תורה פארעכענען פינקט ווי ער וואלט אים געגעבן די בעסטע מתנות אויף דער וועלט.

יא) אויב דער ארימאן בעט א נדבה זאל מען אים נישט אנשרייען, נאר אדרבה איבערבעטן מיט שיינע ווערטער, און ער זאל אים ווייזען ווי שטארק ער האט מיטלייד אז ער וויל אים געבן נאר ער פארמאגט נישט, (כ"ב ט: מדרש משלי, ש"ע רמ"ט ד').

יב) ביי צדקה באקומט מען עקסטרעשכר פאר'ן געבן, און עקסטער פאר'ן רעדן, (ספרי פ' ראה, תוספתא סוף פאה, ביאור הגר"א שם), במילא אויב מען געט און מען רעדט גוטע רייד מיט'ן ארימאן האט מען דאפעלט שכר, אויב מען האט נישט קיין געלט זאל מען כאטש רעדן (שם).

יג) מען טאר נישט אוועקלאזן דעם ארימאן מיט גארנישט, כאטש איין פייג זאל מען אים געבן, (טור ר"נ בשם הרמב"ם, רמ"א רמ"ט ס"ד חכ"א כלל קמ"ד, ערוה"ש,) פון דא נעמט זיך דאס ווערט'ס ווערטל "איך האבן באקומען א פייג" ווייל דאס פלעגט זיין דאס מינימאלסטע וואס אן ארימאן פלעגט באקומען.

*יד) אפילו די צדקה וואס מען געט אויפן שטאלצען וועג, האט בכח צו ראטעווען דעם מענטש פון א מיתה משונה, און אפילו פון מיתה בידי שמים, (ספר חסל"א מ"ב, נהר מ"ט), יעדער באקומט שכר פאר געבן צדקה נאר אויב מען טוט דאס מיט א פניה איז די באלוינונג זעלבסטפארשטענדליך קלענער, און אפילו דער וואס געט צדקה מיט'ן כוונה צו פארשעמען דעם ארימאן וועט פריער באשטראפט ווערען פאר'ן פארשעמען דעם ארימאן, און דערנאך באקומט ער זיין באלוינונג פאר די צדקה, (מעיל צדקה אלף רצ"ג), און אזוי שטייט פון בעשטה"ק (עי' דברי יחזקאל פ' לך).

טו) מען דארף זיין פינקט ווי א טאטע פאר ארימעלייט סיי מיט רחמנות סיי מיט ווערטער, און דער וואס איז א אכזר און נישט קיין בעל רחמנות דארף מען חושש זיין אויב ער איז פון ערב רב, און נישט פון אברהם אבינו, ווייל אכזריות איז נאר דא ביי גוים (רמב"ם מת"ע פ"י, ערוה"ש י"ג).

## פרק ט

## צוזאם נעמען געלט

אויב מען מאכט אנדערע געבן געלט פאר צדקה איז דער שכר גרעסער פונעם געבער (ב"ב דף ט. רמב"ם מת"ע פ"ו, יור"ד רמ"ט ס"ה, חכ"א קמ"ד, ערוה"ש, קש"ע ל"ד,) אין די הלכה, און אינעם טעם זענען דא פארשידענע מיינונגען, מיר וועלען זיי ציטירען וועגן איר וויכטיגקייט:

א) דער וואס איז משתדל אז אנדערע זאלען געבן האט צוויי מצות, איינס ווייל ער האט מזכה געווען דעם ארימאן מיט זיינע באדערפענישען, צווייטענס האט ער מזכה געווען דעם חבר מיט א מצוה, (חכ"א קמ"ד)